# אַן אינטערעסאַנטע פרוי איז אַוועק פון דער וועלט

**דר. טאַניע סאָלאָוויטשיק, די ווייב פון באַרימטען גאון רבי יוסף בער סאָלאָוויטשיק, וועלכע איז ניט לאַנג צוריק געשטאָרבן. — זי איז געווען אַ פרוי מיט הויכער אַלגעמיינער בילדונג און מיט גרויסער אידישער אינטעליגענץ. — איר איבערגעבענקייט צום אידישען לשון. — איר וויכטיגע ערציהונגס־אַרבעט.**

פון

## הרב אהרן בן ציון שורין

די בכבוד׳יגע באַלעבאַטישע הויז פון ר׳ מאיר אליהו לעוויט, אין ווילנע; דער יעינא אוניווערזיטעט אין דייטשלאַנד און די רבנ׳ישע הויז אין באָסטאָן, זיינען געווען די דריי גייסטרייכע עטאַפּען אין דעם לעבען פון דר. טאַניע סאַלאָוויטשיק, ע״ה, וועלכע איז אַזוי פריהצייטיג אַוועקגעריסען געוואָרען פון דער וועלט, אין בליהענדען עלטער פון 62 יאָר.

דער שווערסטער עטאַפּ אין איר לעבען איז אָבער געווען אין באָסטאָן, דאָרט, וואו זי האָט געדאַרפט שטעהן ביי דער זייט פון איר מאַן, אויף וועמען די השגחה האָט אַרויפגעוואָרפען דעם מאַנטעל פון זעלטענער גרויסקייט אויף אַלע געביטען פון אידישען לעבען.

די ווילנער באַלעבאַטישע טאָכטער האָט זוכה געווען צו אַ מאַן, וואָס איז, לאורך ימים טובים, אַ ר א ש ו ן, אַן ערשטער. זיינע נאַטירליכע זעלטענע כשרונות, מיט זיין רבנ׳ישער יחוס׳דיגער טראַדיציע פון דורות האָבען אים אַוועקגעשטעלט אין די פאָדערשטע רייהען פון כלל ישראל:

אין דער פראָנט ליניע פון רבנות.

אין דער פראָנט ליניע פון ישיבות, און

אין דער פראָנט ליניע פון געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט.

און איבעראַל — אין די פייערדיגע פראָנט ליניעס פון קאַמף אַנצוהאַלטען די הייליגע אידישע טראַדיציע פון דורות.

און דאָס איז ר ב י  י ו ס ף  ב ע ר  ס א ָ ל א ָ ו ו י ט ש י ק:

— דער באַרימטער גאון און ראש געטליכע נאַטור האָט געגעבען דער פרוי — האָבען גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דר. טאַניע סאַלאָוויטשיק האָט געקאַנט באַשטעהן איר הויכע פּאָזיציע אין לעבען מיט׳ן כוח פון איר אייגענעם זכות: מיט׳ן כוח פון אירע נאַטירליכע פעהיגקייטען און איבערצייגונגען; מיט׳ן כוח פון דערגרייכען זאַכען אין דער וועלט פון גייסט, מיט אירע אייגענע שאַפונגס־מעגליכקייטען, ווי זי האָט עס ביי פיל געלעגענהייט באַוויזען, און גאָר באַזונדערס אויפ׳ן געביט פון ערציהונג.

אויב די שטאָט באָסטאָן האָט היינט אַן אויסגעצייכענטע ישיבה, וואָס האָט געלייגט דעם שטעמפּעל אויף אַ דור יונגע רעליגיעזע אינטעלעקטואַלען; אויב אויפ׳ן קעמפּוס פון האַרוואַרד אוניווערזיטעט, צי פון באָסטאָנער עם־אַי־טי דרעהען זיך היינט אַרום אידישע שטודירענדע יוגענט מיט יאַרמולקעס אויפ׳ן קאָפּ, און — נאָך מער — מיט „יאַרמולקעס״ א י ן זייער קאָפּ און האַרץ, איז עס אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען די רביצין טאַניע סאַלאָוויטשיק.

אויב באָסטאָנער בחורימ׳לעך און מיידלעך לערנען היינט אין ישיבת רבי יצחק אלחנן און אין שטערן קאַלעדזש פאַר מיידלעך פון ישיבה אוניווערזיטעט, און דורך יאָרען, הונדערטער תלמידים, און מסתמא אויך אין אַנדערע ישיבות — איז עס אויך מער ווי טיילווייז אין איר זכות.

ווען זי האָט געעפענט די ישיבה אין באָסטאָן, מיט עטליכע קליינע קינדערלעך, האָט מען ניט געקאָנט קריגען קיין שוהל, אדער תלמוד תורה בנין, וואו אַוועקצושטעלען די ערשטע סקול־בענקלעך פאַר די קינדער צום לערנען.

אין יאָר 1938, אין באָסטאָן, האָט מען נאָך משמעות געהאַלטען, אַז אַ ישיבה, אַפילו אַ מאָדערנע, ווי ס׳איז די דאָרטיגע „מאַימאָנידעס סקול״ — איז אַ ג ע ט א ָ ־ ס ק ו ל. און די אַריסטאָקראַטישע שטאָט פון האַרוואַרד און עם־אַי־טי, האָט נאָך דאַן ניט פאַרשטאַנען, וואָס אַ ישיבה קאָן מיינען פאַר זיי. מ׳האָט דאַן געדאַרפט ברעכען ווענט — ווענט פון אידישער אַסימילאַציע, און — טאַניע סאַלאָוויטשיק האָט געבראָטייערע זאַך. און ווען זיין פרוי האָט באַמערקט אַן אומרוהיגקייט אויף זיין פנים, האָט זי געזאָגט צו איר מאַן אַזוי:

— הער מיך אויך אויס: איך בין אַ ווילנער געבוירענע און איך וועל דיר דערצעהלען וואָס דער ווילנער גאון האָט נאָכגעזאָגט, פון זיין פרוי׳ס וועגען, אין זיין הספד איבער זיין רביצין, און אַזוי האָט מען דערצעהלט אין ווילנע:

דעם ווילנער גאונ׳ס רביצין האָט זיך אַמאָל אַזוי אויסגע׳טענה׳ט מיט׳ן גאון:

„הער מיך אויס, מיין מאַן: געליטען הונגער האָבען מיר ביידע. איך האָב, אָבער, אויך געליטען פון קעלט, און דעריבער איז מיין שכר אויף יענער וועלט אַ גרעסער־ער״.

און די רביצין טאַניע האָט איך אַט דעם ליכט אַזוי מסביר געווען צו איר מאַן, רבי יוסף בער:

„דיר, מיין מאַן, וואַרימט די תורה וואָס דו לערנסט טאָג און נאַכט. דו שאַפסט חידושים, דו זאָגסט סברות און בליציגע געדאַנקען, פון וועלכע דו האָסט אַ גייסטיגע הנאה; דו זאָגסט שיעורים פאַר תלמידים, און דרשות פאַר באַלעבאַטים, דאָס וואַרימט דיר. מיר איז אָבער קאַלט. איך קאָן ניט טאָן וואָס דו טוסט, און דעריבער מוז איך זיך אַ ביסעלע אָנוואַרימען מיט מיינע קליינע דערגרייכונגען, און אַט די קליינע קינדערלעך וואָס וועלען לערנען תורה — דאָס וועט מיר אַ ביסעלע אָנוואַרימען. דאָס וועט זיין מיין שכר״.

דאָס „ווילנער מעשה׳לע״ פלעגט די רביצין טאַניע גאַנץ אָפט איבער׳חזר׳ן אין צייטען ווען איר מאַן, רבי יוסף בער, איז אָפטמאָל ניט איינפאַרשטאַנען געווען מיט אַ סך פון אירע ווייבערישע געזעלשאַפטליכע טעטיגקייטען — צי דאָס איז געווען אין אַ ברייטערען געזעלשאַפטליכען פאַרנעם, צי דאָס איז געווען ווען זי האָט אַפילו געשיקט איר מאַן, דעם וועלט־רב און גאון, אַוועקצוטראָגען איר געלט־שטיצע צו אַן אָרימער אידישער גוי׳ע אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקעל פון באָסטאָן.

לאָמיר עס קלאָרער מאַכען. ס׳איז אַ זעלטען־אויסטערלישער פאַל.

ביי דער רביצין סאַלאָוויטשיק אין הויז האָט געאַרבעט אַן אָרימע

— דער בארימטער ראון און ראש ישיבה;

— דער בארימטער רבי און מנהיג פון א דור אויסגעהאדעוועטע רבנים אין אמעריקע, און

— דער ג ר ע ס ט ע ר חבנ׳ישער אראטאר אין אמעריקע און פילייכט איבער דער גאנצער אידישער וועלט.

און ביי דער זייט פון אזא מאן האט זיין פרוי, טאניע סאלאווייטשיק, געדארפט שטעהן אין א שטורמישער פעריאדע פון נאהענט צו פערציג יאר, און דאס איז געווען ניט קיין לייכטע זאך. ווארים ס׳איז ניט לייכט פאר אזא פרוי, ווי ס׳איז געווען דר. טאניע סאלאווייטשיק, צו שטעהן אין „ליכטיגען שאטען" פון אזא זעלטענער, מערקווירדיגער פערזענליכקייט, ווי ס׳איז הרב סאלאווייטשיק.

די, וועלכע האבען איר אליין געקענט, מיט אירע אייגענע מעלות, מיט איר געלעהרזאמקייט, מיט איר לאגישען געדאנק און פארשטאנד, אדער, ווי די גמרא דריקט זיך אויס: מיט דער „בינה יתירה", וואס די טאניע סאלאווייטשיק האט געברא־כען און — ד ו ר כ ג ע ב ר א כ ע ן!

אפילו היימישע טאטעס, וואס זיינען געזעסען ביי א בלאט גמרא אין באסטאנער שוהלען, האבען, מיט יארען צוריק געזעהן דעם וועג פון זייערע קינדער׳ס ערציהונג צו די פרעכטיגע אלייען פון הארוואַרד.

נאר די ווילנער באלעבאטישע טאכטער, א סטודענטין פון ווילנער רוסישער גימנאזיע, מיט א דאקטאר־דיגרי אין עדיוקעישאן פון יעינא אוניווערזיטעט, אין דייטשלאנד — האט אנדערש געזעהן.

און אז מ׳האט ניט געקאנט קריגען קיין פלאץ פאר דער ישיבה, האט זי געבראכט די קינדערלעך צו זיך אהיים, און — איר היים איז געווארען א ישיבה!

און וואס האט געזאגט אויף דעם איר מאן? — ער איז, נאטירליך, געווען צופרידען. אבער עס האט אים געשטערט אין זיין לערנען. ער האט פאר א שטיקעל צייט פארלארן זיין פריוואטקייט. און ביי אזא איד ווי רבי יוסף בער איז צייט זעהר א [illegible]

עלענטע [illegible] גוי׳ע. נאר פלוצים איז זי קראנק געווארען מיט א פאראליז אין איר האנט און האט ניט געקאנט מער ארבעטען. די רביצין טאניע פלעגט איר אבער יעדע וואך אליין אוועקטראגען איר געלט צום לעבען.

האט זיך אמאל געמאכט, אז זי אליין האט ניט געקאנט געהן. נו, האט די רביצין גע׳טענה׳ט צו איר מאן: „די ארימע, עלענדע פרוי דארף דאך האבען דאס געלט, איז דעריבער וועסטו מוזען געהן און זיין אליין דער שליח, ניש׳קשה," האט זי באמערקט מיט א שמייכעל, „ביסט א גאנץ פיינער שליח, איך קאן דיר טרויען, אז דו וועסט אוועקגעבען דאס געלט אויפ׳ן ריכטיגען אדרעס".

הרב סאלאווייטשיק האט קוים מיט צרות, נאך לאנגע בלאנדזשעניש פון א גאנצען טאג, אין די פארווארפענסטע גוי׳אישע געסלעך פון באסטאן צו געפינען די גוי׳ע, און ער האט איר איבערגעגעבען דאס געלט. די גוי׳ע האט אים באדאנקט און האט דערביי ארויסגעמורמעלט דורך אירע ליפען אזוי: „דער ראבאי פירט זיך אויף א סך שענער ווי מיין גלח פון טשוירטש".

די דאזיגע זעלטענע „שליחות" האט הרב סאלאווייטשיק גראד דורכגעפירט צווישען די טעג פון אידישען פורים און דעם קריסטליכען „איסטער". און די רביצין סאלאווייטשיק האט געוואלט, אז די גוי׳ע זאל האבען מיט וואס צו מאכען איר יום טוב...

ווען הרב סאלאווייטשיק איז צוריקגעקומען אהיים פון זיין שליחות, א פארמאטערטער, האט זיין פרוי אים מקבל פנים געווען מיט א מילדען שמייכעל, פרעגענדיג דערביי: נו, ווי איז דיר געגאנגען? און ניט ווארטענדיג אויף זיין ענטפער האט זי צו אים פלוצלונג אזוי זיך אפגערופען:

„מ׳האט ערשט די טעג געלייענט די מגילת אסתר. ס׳איז דאך געווען פורים ביי אידען. זאג מיר נאר, וואס איז דער הויפט־געדאנק פון דער מגילת אסתר? —"

הרב סאלאווייטשיק, פארשטעהט זיך, האט איר אנגעווארפען אויף זיין שטייגער פארשיידענע געדאנקען. נאר זיין רביצין האט געזאגט צו אים אזוי:

„מיר דוכט זיך בעסער אזא סארט געדאנק: די מגילה לערענט, אז דער יחיד איז באשאפען געווארען צו דינען דעם כלל, און וואס נאך מער, אז מ׳דארף אפילו ניט געבען דעם יחיד קיין דאנק דערפאר. ווארים, מיר געפינען ניט אין דער מגילה, אז מרדכי זאל האבען אויסגעדריקט אסתר׳ן א דאנק פאר איר אויספירען זיין שליחות..."

פארשיידענע שליחות׳ן און אויפ־

(שלוס אויף בינטעל בריף זייט)

# אַן אינטערעסאַנטע פרוי איז אַוועק פון דער וועלט

(שלוס פון זייט 2)

גאַבען האָט טאַניע סאַלאָווייטשיק דורכגעפירט אין איר פרוכטבאַרען יונגען לעבען. וואָרים זי האָט פאַרמאַגט, אין אַ געוויסער מאָס, דאָס, וואָס מ'רופט ביי אידען „שלמות“ — גאַנצקייט. זי האָט אויך אַ גאַנץ לעבען געשטרעבט און געלערענט צו דערגרייכען אָט די גאַנצקייט.

זי האָט עס געטאָן, קודם כל, מיט לערנען, מיט שטודירען. זי האָט געקאַנט אויסגעצייכענט די וועלט ליטעראַטור און אין דער זעלביגער צייט אויך די אידישע ליטעראַטור, מיט'ן טראָפּ אויף אידיש, אויף אידיש וויסען און אויך אויף דער אידישער שפּראַך.

זי האָט געהאַלטען, און פלעגט שטענדיג טענה'ען מיט איר מאַן און מיט אַנדערע, אַז די אידישע שפּראַך איז דער בונד וואָס פאַרבינדט אידען צווישען דורות. און דעריבער האָט זי ניט נאָר גערעדט מיט אירע קינדער אידיש, נאָר זי האָט מיט זיי געלערענט אידיש, און אין וויכוחים איבער דער שפּראַך־פראַגע אין ישיבות, איז איר פעסטע מיינונג שטענדיג געווען, אַז מען מוז לערנען אידישע לימודים אויף אידיש. גמרא — דווקא אויף אידיש. חומש און נביאים אַוודאי.

זי האָט געהאַלטען, אַז צוזאַמען מיט תורה לערנען, איז אויך די אידישע שפּראַך אַ שוץ־וואַנט געגען אַסימילאַציע. און ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אויב זי האָט געדאַרפט שרייבען צו עמיצען אַ בריוועל, האָט זי אויסגעקליבען צו שרייבען צו יענעם נאָר אויף אידיש, אויב דער יעניגער האָט נאָר געקאָנט פאַרשטעהן, כאָטש ענגליש, אָדער העברעאיש וואָלט אַוודאי געווען מער גאַנגבאַר.

אָבער דער מערקווירדיגסטער שטריך אין איר לעבען, וואָלט איך געזאָגט, צו איר שבח, איז געווען: דאָס וואָס זי האָט אויסגעקליבען אלס איר עיקר'דיגע לעבענס שליחות — צו זיין דאָס „פוס־בענקעלע“ פון איר גרויסען מאַן אין זיין גאַנצער רבנ'ישער קאַריערע.

זי האָט גוט געקענט איר מאַן. זי האָט גוט געוואוסט, וואָס איר מאַן מיינט פאַר איר, פאַר דער משפחה, און — דער עיקר — פאַר דער וועלט. און דעריבער, טראָץ אַלע נסיונות, האָט זי זיך געשטעלט אין שאָטען פון דער ליכטיגער פערזענליכקייט פון איר מאַן. זי האָט אַלע אירע פערזענליכע גליקען, איר גאַנצען פריוואַטען לעבען, אַוועקגעגעבען נאָר כדי צו געבען איר מאַן אַלע מעגליכקייטען כדי צו לערנען תורה.

זי האָט אומאויפהערליך אים באַגלייט אויף אַלע זיינע רייזעס, אויף קאָנפערענצען און פאַרזאַמלונגען, און אַפילו ווען ער פלעגט קומען קיין ניו יאָרק יעדע וואָך, צו זאָגען זיינע שיעורים אין דער ישיבה, און דאָס האָט זי געטאָן אַפילו אין די לעצטע פיר יאָר, ווען דער מלאך המוות, מיט דער גרעסטער שאַרפקייט, איז איר שוין געהאַנגען אויפ'ן האַלז, און — שטענדיג מיט צופרידענהייט — מיט דער צופרידענהייט פון איר אייגענעם אויסגעקליבענעם גורל.

זי האָט געהיט איר מאַן ביז די לעצטע מינוטען פון איר לעבען — אין דער צייט ווען זי האָט געדאַרפט אַליין האָבען ניט נאָר שמירה (היטען) נאָר גרויס רחמי שמים.

ניט אומזיסט האָט איר מאַן, דער גרויסער גאון, רבי יוסף בער, געזאָגט אין זיין הספד אויף איר: אַז אַלץ וואָס ער פאַרמאַגט און קאָן, געהערט צו איר...

זי איז געווען אַן אינטערעסאַנטע פרוי, אַ אשה גדולה וחכמה, אַן אמת'ע אשת חייל, אויף וועלכער שלמה המלך האָט געזונגען: „חכמת נשים בנתה ביתה“.

רביצין טאַניע סאַלאָווייטשיק האָט געהאָלפען בויען ניט נאָר איר אייגענע היים, נאָר אָט די טויזענטער היימען, וואו איר מאַן, אַ דאַנק איר גורל'דיגער חכמה, האָט אַריינגעבראַכט דאָס ליכט פון דער אידישער תורה.

ת. נ. צ. ב. ה.